# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים עיה"ק אומאן**

הדלקת הנרות....................7:20

מוצאי שב"ק.......................8:47

**שיעורים כסדרן**

נ"ך..............................עזרא ג'-ד'

בבלי.............................ביצה ד'

ירושלמי.....................נזיר י"א

תוספתא.....................פסחים ה'

רמב"ם.......................בכורים ז'


פרשת נצבים, כ"ז אלול, אבות פרק ה'-ו', שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 48 (515)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רי"א) אַז מְ'קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ רֵיינֶע מַחְשָׁבוֹת, צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ, נָאר דוּרְכְ'ן זַיין מְקוּשָּׁר צוּ צַדִּיקִים, אוּן מִיט דֶעם וָואס מְ'הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט דֶעם אִיז מֶען מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים, אוּן דֶערִיבֶּער פָּארְט מֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ צַדִּיקִים, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען דָאךְ אָפּ אַלֶע דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר, אוּן אַז מְ'אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, בַּאקוּמְט מֶען אַ רֵיינֶע מַחְשָׁבָה, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען מַמְתִּיק דִי דִינִים פַאר'ן גַאנְצְן יָאר.

וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי אַ צַדִּיק, קוּמֶען זִיךְ דַאן צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", יֶעדֶער קוּמְט מִיט זַיין "רֹאשׁ", מִיט זַיין קָאפּ, צוּם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז דֶער "רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", אוּם "רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

וָואס מֵיינְט אַ רֵיינֶע מֹחַ? וֶוען מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מְ'הָאט אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע קְלֵיינֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוערְט נָאר גֶעפִירְט דוּרְכְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ אִיד הָאט אַזַא קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, דַאן וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע דִינִים, עֶר שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלְץ מִיט אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאגְלֵייט אִים אוּן הֶעלְפְט אִים אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן מִיט דֶעם קֶענֶען עֶר אִיבֶּערְקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריֵקייטְן וָואס עֶר זָאל נָאר הָאבְּן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט אָבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, דַאן הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַלֶע שְׁוֶוערֶע דִינִים, דֶער מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן, עֶר וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת וָואס עֶר מַאכְט מִיט אוֹיף דֶער וֶועלְט.

וֶוען אַ אִיד גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, אוּן דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים אוֹיס אֱמוּנָה, עֶר בַּאקְט אִין אִים אַרַיין אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, דַאן וֶוערְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט זַיין מֹחַ אוּן מַחְשָׁבָה, בִּיז עֶר הוֹיבְּט אָן מַמָּשׁ צוּ שְׁפִּירְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי אוֹיגְן, אוּן אַלֶע דִינִים אוּן גְּבוּרוֹת וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ גְרוֹיסֶע רַחֲמִים וַחֲסָדִים.

אוּן דִי בֶּעסְטֶע צַייט וָואס אִיז מְסוּגָל פַאר דֶעם אִיז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט שְׁרֵייעֶט מֶען "הַמֶּלֶךְ", מֶען אִיז מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זִיךְ גוּט אַרַיינְצוּנֶעמֶען אִין קָאפּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער מֶלֶךְ, עֶר פִּירְט אַלֶעס אוּן נָאר צוּ אִים קֶען מֶען זִיךְ וֶוענְדְן, דַאן וֶועט עֶר שׁוֹין דִי גַאנְצֶע יָאר אוֹיךְ טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן הָאבְּן אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ת"ו) אַז אֲפִילוּ דִי מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען עֶר קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אַ גַאנְץ יָאר, קֶען עֶר אָבֶּער יָא הֶעלְפְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער עִיקָּר מִיט וָואס דֶער רֶבִּי הֶעלְפְט אוּנְז, אִיז מִיט דֶעם וָואס עֶר לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת, אַזוֹי וִוי מְ'וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ טַאטֶע אָדֶער אַ גוּטֶער פְרַיינְט, אוּן מִיט דֶעם בַּאקוּמֶען מִיר אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן אַלֶע דִינִים וֶוערְן נִמְתָּק.

דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין פָּסוּק אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם, שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בֹּא ל"ב:) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טָאג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דֶעמָאלְט שְׁטֵייט יֶעדֶער פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ בַּאזוּנְדֶער, אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה דֶעמָאלְט צוּ **רָאשֵׁיכֶם**, אַז עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם דִי דְרֵיי "רָאשִׁים", מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם קָאפּ צוּם צַדִּיק אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, **לְעָבְרְךָ בִּבְרִית ה' אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ' לְמַעַן הָקִים אֹתְךָ הַיּוֹם לוֹ לְעָם וְגוֹ'**, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, תִּיקוּן הַמַּחְשָׁבָה, מְ'הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זִיסֶע יָאר.

(תּוֹךְ הַנַּחַל נִצָּבִים וַיֵּלֶךְ תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וָואס נֶעמְט מֶען אַהֵיים פוּן אוּמַאן?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק; אִין אָנְהוֹיבּ פוּן זַיין הִתְקָרְבוּת הָאט עֶר אַמָאל זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט גָאר אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חָלוֹם.

אִין זַיין חָלוֹם הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶען אִין גָאר אַ גְרוֹיסֶער וַואלְד, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם וֶועג אַרוֹיס צוּ קֶענֶען אַהֵיים גֵיין. פְּלוּצְלִינְג בַּאגֶעגְנְט עֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד, שַׁארְף פוּן בֵּיידֶע זַייטְן. רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן יֶענֶעם, יֶענֶער הָאט אָבֶּער גֶעשְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, קוּם מִיט מִיר". עֶר אִיז טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען מִיט יֶענֶעם, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶער הוֹיז אִין וַואלְד, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, "גֵיי אַרַיין אִין דֶעם הוֹיז, דָארְט גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע סָארְט שְׁוֶוערְדְן, גְרוֹיסֶע אוּן קְלֵיינֶע, אוּן דוּ הָאסְט אוֹיךְ רְשׁוּת צוּ נֶעמֶען וֶועלְכֶע שְׁוֶוערְד דוּ וִוילְסְט, דוּ דַארְפְסְט אָבֶּער וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן מִיטְ'ן שְׁוֶוערְד, אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַמְמֻצָּע, אוֹיף אַ מִיטְלְמֶעסִיגְן אוֹפָן".

עֶר אִיז אַרַיין אִין הוֹיז, אוּן דָארְט אִיז גֶעזֶעסְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעזָאגְט, "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט נֶעמֶען פוּן דָא קַיין אֵיין שְׁוֶוערְד, אֵיידֶער דוּ שְׁפִּירְסְט בַּיי זִיךְ אַז דוּ בִּיסְט פוּלְשְׁטֶענְדִיג רֵיין אִין דַיין גַאנְצְן קֶערְפֶּער אוּן אִין דַיין בְּרִית. אוּן דוּ דַארְפְסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן אִין הַאנְט דֶעם שְׁוֶוערְד וָואס דוּ וֶועסְט נֶעמֶען פוּן דָא".

אִינְצְוִוישְׁן אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק אַרוּמְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט זֵייעֶר טוּנְקֶעלֶע וָואלְקֶענֶעס, אוּן דַאן הָאט דֶער אַלְטֶער מֶענְטְשׁ אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט אִינְדְרוֹיסְן אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גְרֵייט צוּ נֶעמֶען פוּן דָא אַ שְׁוֶוערְד, צוּלִיבּ דִי וָואלְקֶענֶעס וָואס נֶעמֶען דִיר אַרוּם. אוֹיבּ אָבֶּער קֶענְסְטוּ אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז אִינְמִיטְן דִי וַואלְד, אִיז דָא דָארְט אַ הֶערְלִיכֶע גֶעבֵּיידֶע, אוּן דָארְט אִיז דָא אַ מֵייסְטֶער וָואס שַׁארְפְט אוֹיס שְׁוֶוערְדְן. אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועמֶען דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגַארְטְלְט מִיט אַ שְׁוֶוערְד וָואס אִיז שַׁארְף פוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויפִיל דוּ בִּיסְט אַ רַחֲמָנוּת - אִיז דַיין וַוייבּ נָאךְ סַאךְ מֶער אַ רַחֲמָנוּת; עֶס אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן מִיט אֵיינֶעם וָואס לַיידְט אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן אָ"ה סִ"י דִ"י (OCD), מֶען קֶען אַרָאפְּגֵיין פוּן זִינֶען.

הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְהֵיילְן; אַז דוּ וִוילְסְט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיינֶע יִסוּרִים, פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס מַאכְן דִיר צֶעדְרֵייט, דוּ לַיידְסְט אוֹיף אָ"ה סִ"י דִ"י הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ - נֶעם דִי עֵצָה פוּן זָאגְן מִשְׁנַיּוֹת, מִשְׁנַיּוֹת הֵיילְט אוֹיס דִי מֹחַ מַחְשָׁבָה. אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת וֶוערְט מֶען מִיט דִי צַייט אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, מֶען הֶערְט אוֹיף לַיידְן אוֹיף דִי מַחְשָׁבוֹת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מְקוּשָׁר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע הַארְצִיגֶע בְּנֵי בְּרַק'עֶר חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ טְרִינְקֶען פוּנֶעם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה.**

אִיךְ בַּאקוּם כִּמְעַט יֶעדְן טָאג בְּרִיוו פוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פוּן חֲבוּרַת בְּנֵי בְּרַק וָואס בֶּעטְן זִיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי חֲבוּרָה. וֶוען אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו וָואס אִיר בֶּעט טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר 'הַיינְט גֵיי אִיךְ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פַאר זֵיי, אִיךְ מוּז שְׁרַייבְּן'; אָבֶּער עֶס פַּאסִירְט דָאס וָואס פַּאסִירְט, אִיךְ שְׁרַייבּ נִישְׁט. גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶס אָפְּגֶעשְׁטוּפְּט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַפָּאר מִינוּט, דִי בָּחוּרִים פָּארְן הַיינְט אַהֵיים פוּן שְׁטֶעטְל - קֶען אִיךְ יֶעצְט שְׁרַייבְּן.

טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער, שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דֶער וָואס אִיז מְקוּשָׁר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן דָא - דֶער וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל מְקוּשָׁר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קא) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד, אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל פוּן וִויטֶעבְּסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן אִים אַייַנְגֶערֶעדְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז עוֹסֵק אִין מִסְחָר, מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, כְּאִילוּ עֶר טוּט בִּיזְנֶעס, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן דְמְיוֹנ'עֶן אַז עֶר פָּארְט צוּם יְרִיד וְכוּ'. דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר דָבוּק צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק, עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר פָּארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם יְרִיד זָאגְט דֶער אִיד: "אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאבְּן אִים דִי אַרְבֶּעטֶערְס - וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים - אָפְּגֶערֶעדְט; זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "מֶען וֶועט גֵיין שְׁפֶּעטֶער וְכוּ'", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי אוּן דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אִים אָפְּגֶערֶעדְט, בִּיז עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "יֶעצְט גֵיי אִיךְ, עֶנְק שׁוֹין נִישְׁט פָּאלְגְן, אִיךְ גֵיי צוּ מַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי", אוּן וִויפִיל זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט פַאר דִי גֶעשֶׁעפְטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס גֵייט מִיךְ גָארְנִישְׁט אָן, זָאל אִיךְ פַארְלִירְן מַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן, אִיךְ פָּאר צוּ מַיין רֶבִּי!" אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁלָאגְן מִיט זֵיי, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיר זֶענְט מַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס אוּן אִיר דַארְפְט מִיר פָּאלְגְן!" הָאבְּן זֵיי אִים אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת: "זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ מֵת - אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ אוּן דוּ גֵייסְט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, דוּ קוּמְסְט מִיט אוּנְז", הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ וִויל גֵיין צוּ מַיין רֶבִּי!" הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט: "מַה דָאךְ פְרִיעֶר וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִיר, מִיר הָאבְּן דִיר אַייַנְגֶערֶעדְט אַ גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה כְּאִילוּ דוּ לֶעבְּסְט, דוּ אַרְבֶּעטְסְט אוּן מִיר זֶענֶען דַיינֶע אַרְבֶּעטֶערְס הָאבְּן מִיר דִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין, יֶעצְט וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין דֶעם אֱמֶת אַז דוּ בִּיסְט טוֹיט אוּן מִיר זֶענֶען מַלְאֲכֵי חַבָּלָה - דַארְפְן מִיר דִיךְ זִיכֶער נִישְׁט פָּאלְגְן", עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען קוֹלוֹת בִּיז דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס דִי קוֹלוֹת זֶענֶען, הָאט מֶען זֵיי גֶעזָאגְט וָואס עֶס גֵייט פָּאר, הָאט בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז זֵיי מוּזְן אִים לָאזְן גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי וִוייבַּאלְד עֶר פְלֶעגְט כְּסֵדֶר גֵיין צוּ זַיין רֶבִּי, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן.

הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק דָא אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט אַ צַדִיק - וֶועט אִים דֶער צַדִיק מְתַקֵּן זַיין.

גֵייט אַ טֶענְצְל: "אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה! אוּמַאן אוּמַאן, רֹאשׁ הַשָּׁנָה!!" מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר פָּארְן שׁוֹין קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ צוּם רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (נְחֶמְיָה ח, י): "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים", עֶסְט גוּטֶע זַאכְן אוּן טְרִינְקְט זִיסֶע גֶעטְרַאנְקֶען, "כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", אוּנְזֶער שְׁטַארְקֵייט אִיז - זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ הָאף אַייךְ אַלֶע צוּ זֶען אִין אוּמַאן. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תשפ"א)

>>>>>>

צְוֵויי זַייטְן, אוּן עֶר וֵוייסְט גוּט וִוי אַזוֹי צוּ הַאלְטְן דֶעם שְׁוֶוערְד אִין הַאנְט, עֶר דַארְף אוֹיךְ אוֹיסְשַׁארְפְן זַיין שְׁוֶוערְד בַּיי יֶענֶעם מֵייסְטֶער. וֶוער וֵוייסְט אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מֵייסְטֶער וֶועט דִיר עֶפֶענֶען זַיין טִיר אַז דוּ זָאלְסְט בִּכְלַל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים".

דַאן הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ עֶרְוֶועקְט מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, זַיין הַארְץ הָאט אִים זֵייעֶר גֶעקְלַאפְּט, אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר מוּז שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִים דֶערְצֵיילְן דֶעם חָלוֹם.

פוּן גְרוֹיס אָרֶעמְקֵייט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ וָואגְן, הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג צוּפִיס. סְ'הָאט אִים גֶענוּמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט אָנְצוּקוּמֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלֶע. וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער רֶבִּי וואוֹינְט, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וָואס הָאסְטוּ מִיט אִים? סְ'אִיז דָאךְ דָא אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת אִין שְׁטָאט אוֹיף אִים!". דַאן הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם אַלְטְן מֶענְטְשׁ אִין חָלוֹם, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים", הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אִיז גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם הוֹיז פוּן רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אִיז דִי טִיר גֶעוֶוען פַארְשְׁלָאסְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְ'ן טִיר, בִּיז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַ שְׁטִילֶע קוֹל פוּן אִינֶעוֵוייניג, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים, "דוּ בִּיסְט שְׁמוּאֵל אַייזִיק? מְ'קֶען יֶעצְט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען בְּשׁוּם אוֹפָן". ר' שְׁמוּאֵל אַייזִיק אִיז וַוייטֶער גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פַאר אוּמְגֶעפֶער אַ שָׁעָה צַייט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אוֹיפְ'ן קוֹל מִיט אַ שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶפֶנְט דִי טִיר אוּן אִים גֶעזָאגְט, "מְ'הָאט דִיר דָאךְ שׁוֹין גֶעזָאגְט אִינְדֶערְהֵיים, 'וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דֶער מֵייסְטֶער וֶועט דִיר עֶפֶענֶען זַיין טִיר אַז דוּ זָאלְסְט בִּכְלַל קֶענֶען אַרַיינְגֵיין צוּ אִים', אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מְקַיֵּים גֶעוֶוען דֶעם 'כָּל הַשְּׁעָרִים נִנְעֲלוּ וְשַׁעֲרֵי דְּמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ', אַלֶע טוֹיעֶרְן זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן, אָבֶּער דִי טוֹיעֶרְן פוּן טְרֶערְן זֶענֶען אָפְן, אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעעֶפֶנְט דִי טִיר".

רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי וֵוייסְט פוּן זַיין חָלוֹם, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן, אוּן אִינְצְוִוישְׁן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אַסַאךְ וָואלְקֶענֶעס", אוּן דַאן אִיז רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק נָאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן, זֶעעֶנְדִיג אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֶעט אוּן וֵוייסְט אַלֶעס מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל אוּן דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס פַארְ'ן רֶבִּי'ן.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן שַׁבָּת, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה "אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב'), וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַז דֶער עִיקָר גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז תְּפִלָּה, דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף דֶעם חָלוֹם פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, אַז דֶער רֶבִּי וֵוייסְט אַלֶעס.

פוּן דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל אַייזִיק גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶענוּמֶען צוּ דִי עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ רוֹב טָאג גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת, צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין דָבוּק אִין הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ (עַיֵּין בְּסֵפֶר הַקָּדוֹשׁ טוֹבוֹת זִכְרוֹנוֹת סִימָן ב').

דָאס בַּאקוּמֶען מִיר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוער סְ'אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, עֶר גֶעבְּט אוּנְז אַלֶע סָארְט שְׁוֶוערְדְן, וַוייל מִיר פִירְן דָאךְ גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע, עֶר וִויל אוּנְז נָאר צֶעבְּרֶעכְן אוּן אַרָאפְּוַוארְפְן אוֹיף אַלֶע סָארְט וֶועגְן, אוּן מְ'דַארְף אַלֶץ הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע כֵּלִים זַיין מִיט וָואס זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט אִים, אוּן דָאס גֶעבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי אִין דִי הַאנְט, אוּן עֶר וַוייזְט אוּנְז אוֹיךְ דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאנוּצְן מִיט דִי שְׁוֶוערְדְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דֶער שְׁוֶוערְד אִיז תְּפִלָּה, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה אַז מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף דִי מַאמֶע לָשׁוֹן וָואס מִיר זֶענֶען גֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אַזוֹי וִוי מְ'רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ נָאנְטֶער חַבֵר, מְ'דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס דִי גַאנְצֶע הַארְץ, אַלֶעס מִיט וָואס מְ'מוּטְשֶׁעט זִיךְ, אַלֶעס וָואס מְ'גֵייט אַרִיבֶּער, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע אוּן אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְכְצוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען, מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מְ'שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי גוּט אוּן דֶערְהוֹיבְן אַז מְ'הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען דֶער עִיקָר וָואס מִיר נֶעמֶען אַהֵיים פוּן אוּמַאן, אַזוֹי וִוי סְ'אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט בַּיי קֶענִיגְן אַז וֶוען אַ חָשׁוּבֶער שַׂר אִיז גֶעוֶוען בַּיים קֶענִיג אוּן דֶער קֶענִיג הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט פוּן אִים, גֶעבְּט עֶר אִים מִיט אַ מַתָּנָה אַ שֵׁיינֶע בַּאצִירְטֶע שְׁוֶוערְד, אַלְס אַן אָנְדֶענְק פוּנֶעם קֶענִיג, אַזוֹי גֶעבְּט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין אוּמַאן דִי שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע שְׁוֶוערְד פוּן תְּפִלָּה, וֶוען מִיר גֵייעֶן אַהֵיים דַארְפְן מִיר אָנְהוֹיבְן נוּצְן דֶעם שְׁוֶוערְד, אָנְהוֹיבְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִויפִיל מְ'קֶען, אוּן מִיט דֶעם אַיינְנֶעמֶען אַלֶע שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש לִימֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קיז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: רֶבִּי נָתָן כַאפְּט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּם רֶבִּי'ן, מִיטְ'ן פְּלַאן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן, אָבֶער מִיט אַ גָאס רֶעגְן אוֹיפְ'ן וֶועג, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁפֶּעט קַיין בְּרֶסְלֶב.**

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן זַיינֶע בִּיטֶערְנִישְׁן אוּן דִי מְנִיעוּת וָואס נֶעמֶען אִים אַרוּם פוּן אַלֶע זַייטְן. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אַז עֶס אִיז גָאר שְׁלֶעכְט, צִיעֶט מֶען זִיךְ צוּם אֱמֶת. אָבֶער וואוּ אִיז פָּארְט דֶער אֱמֶת?"

דֶער רֶבִּי הָאט אִים דַאן גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ו', ט"ז) צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ב), וָואס דָארְט אִיז קְלָאר עֶרְקְלֶערְט וָואס אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מְנִיעוּת אוּן סְ'אִיז אִים זֵייעֶר פִינְסְטֶער אוּן בִּיטֶער, בִּיז עֶר קֶען כִּמְעַט זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען פוּן דֶעם חוֹשֶׁךְ, אִיז דִי עֵצָה אַז מְ'זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט וִוי אַזוֹי מְ'שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט, מִיטְ'ן אֱמֶת וואוּ עֶר הַאלְט דֶעמָאלְט, אוּן דַאן וֶועלְן דִי דִיבּוּרִים אִים אוֹיפְלַייכְטְן דִי טִירְן וִוי אַזוֹי עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע טוּנְקְלְקֵייטְן אוּן בִּיטֶערְנִישְׁן, וִוי מְ'קֶען דָארְט זֶען אִינֶעוֵוייניג אִין דִי תּוֹרָה.

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי נָתָן צוּרִיק אַהֵיימְגֶעפָארְן.

### תמא

פוּן דֶעם טָאג וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאט רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס פְלַייס, אוֹיף אַ נִישְׁט נָארְמַאלְן פַארְנֶעם. טָאג אוּן נַאכְט הָאבְּן זַיינֶע לִיפְּן זִיךְ נָאר גֶעשָׁאקְלְט מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קֵיינֶעם, נָאר פוּן עֲבוֹדַת ה'.

אוּן אוֹיף דֶעם אַלֵיין הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף דֶעם פִילֶע מְנִיעוּת, סַיי פוּן זַיין טַאטֶע אוּן סַיי פוּן זַיין וַוייבּ, מְ'הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט דָאס לֶעבְּן.

עֶר הָאט אָבֶער זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְ'ס, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן צוּטוּן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר אִיז נָאר אַנְטְלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### תמב

פוּן דֶעסְט וֶועגְן, אַזוֹי וִוי זַיין טַאטֶע אוּן זַיין וַוייבּ הָאבְּן אִים אַזוֹיפִיל גֶעמוּטְשֶׁעט, הָאט עֶר אִין לוֹיף פוּנֶעם חוֹדֶשׁ גֶעמוּזְט פָארְן אַסַאךְ מָאל קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב צוּ קוֹיפְן סְחוֹרָה. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְבֵיקוּת, אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועג אַהִין אוּן צוּרִיק הָאט עֶר נָאר גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.

### תמג

**פְרַייטָאג, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו,** אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי רֶבִּי נָתָן אַ אִינְגְל לְמַזָּל טוֹב, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי אַזוֹי דִי בְּרָכָה פוּן רֶבִּי'ן וֶוערְט מְקוּיָּם, וַוייל בִּיז דֶעמָאלְט הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן דִי קִינְדֶער בַּיי זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

### תמד

**פְרַייטָאג, ח' כִּסְלֵו,** הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעמַאכְט דֶעם בְּרִית פַאר זַיין זוּן, אוּן אִים אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְן שַׁכְנָא.

### תמה

**זוּנְטָאג, י' כִּסְלֵו,** הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ מְזָרֵז גֶעוֶוען אוּן אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין בְּרֶסְלֶב, טְרָאץ דִי קֶעגְנֶערְשַׁאפְט פוּן זַיין טַאטֶע אוּן זַיין וַוייבּ, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין בְּרֶסְלֶב פַאר דְרֵיי וָואכְן אִין אַ צוּ, בִּיז נָאךְ שַׁבָּת חֲנוּכָּה.

### תמו

אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט נֶעמִירוֹב גֶעלִיטְן גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים פוּן אַ בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶע רָשָׁע, אוּן זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען זֵיי וֶועלְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת חֲנוּכָּה, וֶועלְן זֵיי דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דִי צָרוֹת אוּן יִסוּרִים וָואס זֵיי לַיידְן דָארְט פוּן דֶעם רָשָׁע.

<<<<<<



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# דִי פַארְיֶערִיגֶע קַבָּלוֹת הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן, וָואס טוּ אִיךְ דָאס יָאר?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן אִיבֶּער עֶפֶּעס וָואס לָאזְט מִיר מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה. עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן פַארְיָאר פַאר דִי יָמִים נוֹרָאִים, וֶוען אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אִיךְ הָאבּ צוּגֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, אִיךְ גֵיי שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן דַאוֶונֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין יֶעדְן טָאג, אוּן אִיךְ הָאבּ דָאס טַאקֶע גֶעמֵיינְט מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶוען עֶס אִיז אָבֶער גֶעקוּמֶען לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַיינְגֶעהַאלְטְן מַיין צוּזָאג.

דָאס יָאר וֵוייס אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט צוּזָאגְן אַז אִיךְ גֵיי דַאוֶונֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ הַאלְט עֶס סַיי וִוי נִישְׁט אַיין, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ אָבֶער יָא אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וָואס טוּט מֶען דָא?

אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן חִיזּוּק, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אִיךְ וֶוער שׁוֹין מְיוּאָשׁ פוּן אַזוֹיפִיל מָאל דוּרְכְפַאלְן.

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ' אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ נָאכְאַמָאל אָנְצוּהֵייבְּן וְכוּ'.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי דִיר; טְרַאכְט אַרַיין, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט בְּגַשְׁמִיּוּת, עֶר גֵייט אִין גַאס אוּן פַאלְט אַרָאפּ, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, אֲפִילוּ עֶר זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעפַאלְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְן אִין גַאס אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "אִיךְ הֵייבּ זִיךְ מֶער נִישְׁט אוֹיף, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", נָאר וִויפִיל מָאל אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר פַאלְן וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אוּן עֶר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ דִי הֶענְט אָדֶער פִיס וֶועט מֶען אִים נֶעמֶען אִין שְׁפִּיטָאל, אִים לֵייגְן אַ גִיפְּס וְכוּ'; הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זָאגְן: "אִיךְ בְּלַייבּ מִיטְ'ן צֶעבְּרָאכֶענֶעם בֵּיין, אִיךְ גֵיי דָאס נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעפַאלְן"? קֵיינְמָאל וֶועסְטוּ נִישְׁט הֶערְן אַזַאנְס פוּן אֵיינֶעם; דֶעמָאלְט פַארְוָואס בְּרוּחָנִיּוּת זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן לִיגְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט"? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט זָאגְן: "כִּי נָפַלְתִּי קָמְתִּי (מִיכָה ז, ח)", אִיךְ בִּין גֶעפַאלְן אוּן אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט פַארְיָאר אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן, אִיךְ הָאבּ פַארְיָאר צוּגֶעזָאגְט אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, יֶעצְט גֵיי אִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזָאגְן אִיךְ גֵיי זַיין גוּט.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער לִיבֶּער חַבֵר: טוּ תְּשׁוּבָה פוּנְדָאסְנַיי; זָאג נָאכְאַמָאל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ גֵיי זַיין גוּט"; אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעזָאגְט נֶעכְטְן דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ יֶעדֶעס מָאל פוּנְדָאסְנַיי תְּשׁוּבָה טוּן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה; תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה - שֶׁבִּשְׁבִיל יָחִיד שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה מוֹחֲלִין לְכָל הָעוֹלָם כּוּלוֹ", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז מֶען מוֹחֵל פַאר אִים אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; זָאג דִי וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר אוּן עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן דִיר, יֶעדֶע מָאל זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי מְיוּאָשׁ פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים"; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער טוּעֶן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ גֶעוִוינֶען דִי מִלְחָמָה. גְמָרָא אִיז נוֹטְרִיקוֹן דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת גַ'בְרִיאֵל מִ'יכָאֵל רְ'פָאֵל אוּ'רִיאֵל, דִי פִיר מַלְאָכִים וֶועלְכֶע הִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְמָרָא וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיטְן פוּן צוּרִיק פַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֶצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תָבֹא תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

### תמז

שַׁבָּת חֲנוּכָּה, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, ל׳ כִּסְלֵו, בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַ וואונְדֶערְלִיכֶע תּוֹרָה אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (זְכַרְיָה ד׳, ב׳) ״רָאִיתִי וְהִנֵּה מְנוֹרַת זָהָב כֻּלָּהּ״ (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן ח׳).

נָאךְ דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטַאנְצְן, און עֶר הָאט דַאן גֶעזָאגְט בְּדֶרֶךְ הֲלָצָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ״וֶוען אִיר וֶועט אַהֵיימְפָארְן און מְ׳וֶועט אַייךְ פְרֶעגְן וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען, זָאלְט אִיר זָאגְן אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען רוּחַ חַיִּים פוּנֶעם אֱמֶת׳ן צַדִיק, צוּ מַכְנִיעַ זַיין דֶעם רָשָׁע״.

און אַזוֹי טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער רָשָׁע הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַפָּלָה.

### תמח

נָאךְ שַׁבָּת, הָאט דֶער רֶבִּי אַרוּמְגֶעדְרֵייעֶט מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, אַז רֶבִּי נָתָן זָאל אָנְהוֹיבְּן רֶעגְלְמֶעסִיג שְׁרַייבְּן זַיינֶע תּוֹרוֹת. רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה ״רָאִיתִי מְנוֹרַת זָהָב״ פַאר׳ן רֶבִּי״ן.

דֶער סֵדֶר פוּן זַיין שְׁרַייבְּן אִיז גֶעוֶוען, אַז דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אוּם שַׁבָּת חֲנוּכָּה, הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן נָאךְ שַׁבָּת, שְׁטִיקְל בַּיי שְׁטִיקְל אוֹיף אִידִישׁ, און רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעזֶעסְן פַאר׳ן רֶבִּי״ן און עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט אָפְּשְׁרַייבְּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, און דַאן הָאט עֶר עֶס אִיבֶּערְגֶעלֵיינְט פַאר׳ן רֶבִּי״ן.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר ״פְּעֻלַּת הַצַדִיק״

# בית המדרש ״היכל הקודש״ ברסלב

**בליצרקובסקיה 28 - אומאן**

## זמנים לראש השנה תשפ״ב

### שבת פרשת נצבים

| | |
|---|---|
| זמן הדלקת הנרות | 7:20 |
| מנחה וקבלת שבת | בזמן הדלקת הנרות |
| באמצע ליל שב״ק | 10:00 |
| שחרית | 9:30 |
| מנחה ושלש סעודות | 7:15 |
| זמן מוצאי שב״ק | 8:47 |

### ערב ראש השנה

| | |
|---|---|
| סליחות ליל זכור ברית | 1:00 |
| פדיון נפש | אחר סליחות |
| שחרית ערב ראש השנה | 8:00 |
| פדיון נפש | אחר שחרית |

### ראש השנה

| | |
|---|---|
| זמן הדלקת הנרות | 7:15 |
| מנחה ערב ר״ה | בזמן הדלקת הנרות |
| שחרית | 8:00 |
| תקיעת שופר דרשה | 12:00 |
| מנחה | 6:30 |
| דרשה | 7:00 |
| זמן מוצאי יו״ט | 8:39 |

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# ישיבה תפארת התורה זיך צוריק געקערט קיין וויליאמסבורג

געלויבט השם יתברך אז עס איז דורך א הערליכע זומער אין קרית ברסלב ליבערטי, די בחורים און אינגעלייט האבן אויסגענוצט די זומער וואכן מיט טויזנטער בלעטער גמרא, משניות, און נאך פילע לימודים, אזוי אויך האט עס געדינט אלץ א ״ריהעב פון אמונה״, מען האט זיך אנגעשעפט מיט אמונה אקסיזשען פאר׳ן גאנצן קאלטן ווינטער.

יעצט ווען דער זומער סעזאן האט זיך שוין געענדיגט, איז די ישיבה גלייך ממשיך מיטן סדר היום אין וויליאמסבורג אויף 27 סקילמאן סט. וואו די בחורים זיצן ווייטער און לערנען פלייסיג א גאנצן טאג, און אזוי אויך קומען ווייטער פאר די שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א טעגליך און וועכנטליך מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף. אזוי אויך זענען די בחורים ממשיך מיט׳ן לערנען יעדן טאג גאנץ מסכת תענית, וואס וועט בעז״ה אנהאלטן ביז ראש השנה, און מיט דעם זענען די בחורים מקיים די סגולה וואס מוהרא״ש האט געגעבן פאר די בחורים אין יאר תשע״א, ווען ער האט באזוכט אין קעמפ, אז ווער עס וועט ענדיגן יעדן טאג מסכת תענית פאר פערציג טעג אין די רייע, אנגעהויבן פון חמשה עשר באב, וועט טרעפן זיין שידוך. און אזוי האלטן די בחורים אן דעם איינפיר זייט דעמאלט, און מיט דעם זעען זיי ברוך ה׳ אפענע ישועות. די בחורים טרעפן גוטע שידוכים איינ׳ס נאכ׳ן צווייטן.

דער סדר היום אין ישיבה אין וויליאמסבורג איז ווי פאלגענד:

אכט אזייגער אינדערפרי הויבט זיך אן די שיעורים; דער ראש ישיבה שליט״א לערנט פאר א בלאט גמרא יעדן טאג, זונטאג איז דאס ניין אזייגער. דעם שבת׳דיגן בלאט גמרא לערנט דער ראש ישיבה שליט״א פאר מוצאי שבת קודש גלייך נאכ׳ן זמן.

נאכ׳ן שיעור גמרא געבט דער ראש ישיבה שליט״א געווענליך א שמועס פאר די מלמדים; עצות און חיזוק ווי אזוי צו זיין א גוטע מלמד. דער ראש ישיבה שליט״א זאגט אז מלמדים דארפן יעדן טאג הערן חיזוק, ווייל זייער אמט אז זייער אן אחריות׳דיגער.

צען אזייגער דאווענט מען שחרית, נאכדעם לערנען די בחורים - יעדער פאר זיך - זייערע שיעורים; חומש רש״י, ח״י פרקים משניות, גמרא, און אזוי ווייטער.

נאכדעם צוויי אזייגער לערט דער ראש ישיבה שליט״א פאר א שיעור אין גמרא רש״י ביז הלכה.

דריי אזייגער דאוונט מען מנחה.

א פערטל נאך פיר לערנט דער ראש ישיבה שליט״א פאר א הערליכער שיעור אין ירושלמי און רמב״ם.

פינף אזייגער לערנט דער ראש ישיבה שליט״א פאר די טעגליכע וועלט בארימטע שיעורי התחזקות, געפלאכטן מיט דיבורים פון הייליגן רבי׳ן און פון מוהרא״ש.

די וואך איז די גאנצע ישיבה געפארן קיין אומאן אינאיינעם מיט׳ן ראש ישיבה שליט״א; ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תג): ״הראש השנה שלי עולה על הכל״, ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, ״והיה פלא אצלי, מאחר שהמקרבים שלי מאמינים לי, ולמה לא יזהרו כל האנשים המקרבים אלי שיהיו כלם על ראש השנה, איש לא יעדר. כי כל ענין שלי הוא רק ראש השנה״, און עס איז מיר א וואונדער אויף די מענטשן וואס גלייבן אין מיר, און זיי זענען מקורב צו מיר, פארוואס זאלן זיי נישט מודיע זיין פאר אלעמען אז מען זאל קומען צו מיר אויף ראש השנה? קיינער טאר נישט פעלן, ווייל מיין גאנצע זאך איז ראש השנה״.

נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן תה): ״הראש השנה שלי הוא חדוש גדול, והשם יתברך יודע שאין הדבר הזה בירשה מאבותי, רק השם יתברך נתן לי זאת במתנה - שאני יודע מהו ראש השנה; לא מבעיא אתם כלכם בודאי תלויין בראש השנה שלי, אלא אפילו כל העולם כלו, תלוי בראש השנה שלי״, איך האב באקומען א מתנה פונעם אייבערשטן, אז איך ווייס וואס איז ׳ראש השנה׳, און נישט נאר ענק, נאר די גאנצע וועלט איז געוואנדן אין מיין ראש השנה.

מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף וועט מען אויסנוצן די צייט אין אומאן ווי עס דארף צו זיין, און פועל׳ן פאר זיך, פאר די משפחה, און פאר גאנץ כלל ישראל, א שנת גאולה וישועה, א זיס ליכטיג יאר מיט אלעס גוטס ברוחניות ובגשמיות.

**כי הם חיינו ואורך ימינו!**





## עצתו אמונה אויף פאָסט

סובסקרייבט אייך צו באקומען די ״עצתו אמונה״ יעדע וואך אויף די פאסט
פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך
זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

## די הייליגע טעג

**דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, נוסח, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף ראש השנה, יום כיפור, און סוכות**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, ״עצתו אמונה״, דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**